בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון
פארן שבת טיש

פרשת בהעלותך
כ"א סיון
שנת תש"פ לפ"ק

שנה 1, גליון 2

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ קֵיסָר. דֶער קֵיסָר הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גֶעהַאט. ווִידֶער אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. הָאט זִיךְ דֶער קֵיסָר גִילָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל זוּכִין טָאמֶער וֶועט עֶר גִיפִינֶען עֶפֶּעס אֵיין עֵצָה אָדֶער אַ רְפוּאָה עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִילָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף אֵיין הַארְבֶּערִיג. אוּן הָאבִּין נִיט גְוואוּסְט אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנֶדערִין. הָאט דֶער קֵיסָר דֶער קֶענְט דֶעם מֶלֶךְ אַז עֶר הָאט אֵיין נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. הָאט עֶר אִים מוֹדֶה גִיוֶוען אַז עֶר אִיז אֵיין מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט דֶעם קֵיסָר אוֹיךְ דֶער קֶענְט אַז עֶר הָאט אַ נִימוּס מַלְכוּת. הָאט עֶר אִים אוֹיךְ מוֹדֶה גִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי אֵיינֶער דֶעם אַנֶדערִין דֶער צֵיילְט אַז זֵיי פָארִין פוּן קִינְדֶער וֶועגִין. הָאבִּין זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט. בְּאִם אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אַהֵיים אוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועלִין הָאבִּין אֵיינֶע אַ זָכָר אוּן אֵיינֶע אַ נְקֵיבָה זָאלִין זֵיי זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין. אִיז גִיפָארִין דֶער קֵיסָר אַהֵיים אוּן הָאט גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער. אוּן דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיפָארִין אַהֵיים אוּן הָאט גִיהַאט אַ זוּן. אוּן דֶער שִׁידוּךְ אִיז פוּן זֵיי פַאר גֶעסְן גִיוָוארִין.

הָאט דֶער קֵיסָר גִישִׁיקְט זַיין טָאכְטֶער לֶערְנֶען. דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ גִישִׁיקְט זַיין זוּן לֶערְנֶען. זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע אָן גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְלַמֵד אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט הָאבִּין זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נֶעמֶען הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִינוּמֶען אַ פִינְגֶערִיל אוּן הָאט אִיר אַרוֹיף גִיטָאן אוֹיף דֶער הַאנְד, הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְתַחֵתֶן גִיוֶוען. נָאךְ דֶעם הָאט גִישִׁיקְט דֶער קֵיסָר נָאךְ זַיין טָאכְטֶער אוּן הָאט זִי גִיבְּרַאכְט אַהֵיים, דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט נָאךְ זַיין זוּהן אוּן הָאט אִיהם אוֹיךְ גִיבְּרַאכְט צוּ זִיךְ אַהֵיים.

אוּן מֶען הָאט גִירֶעט שִׁידוּכִים דֶעם קֵיסֶר'ס טָאכְטֶער. אוּן זִי הָאט נִיט גִיוָואלְט קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ מַחְמַת דֶעם הִתְקַשְׁרוּת וָואס זִי הָאט גִימַאכְט מִיט דֶעם בֶּן מֶלֶךְ. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִיר. אוּן דִי בַּת קֵיסָר אִיז אוֹיךְ תָּמִיד טְרוֹיעֶרִיג גִיוֶוען. אוּן דֶער קֵיסָר הָאט זִי גִיפִירְט אִין זַיינֶע הֵייף אוּן אִין זַיינֶע פַּאלַאצְן אוּן הָאט אִיר גִיווִיזְן אִיר גְדוּלָה אוּן זִי אִיז אַלְץ גִיוֶוען טְרוֹיעֶרִיג.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל וֶועלְן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ וֶוערְן נָאר מִיט זֵייעֶר שִׁידוּךְ, מֶען קֶען זֵיי פִירְן אִין שֵׁיינֶע פַּאלַאצְן אוּן אִין שֵׁיינֶע פַארְבְּרֶענְגֶען, אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶער עֶס וֶועט זֵיי

<<<

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרָשָׁה

די גאנצע פרשה פון פסח שני איז געגעבן געווארן דוקא דורך מענטשן וואס זענען געווען טמאים און זיי האבן געפרעגט משה רבינו (במדבר ט, ו-ז): "וַיְהִי אֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָיוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם, וְלֹא יָכְלוּ לַעֲשֹׂת הַפֶּסַח בַּיּוֹם הַהוּא, וַיִּקְרְבוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה וְלִפְנֵי אַהֲרֹן בַּיּוֹם הַהוּא, וַיֹּאמְרוּ הָאֲנָשִׁים הָהֵמָּה אֵלָיו אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם, לָמָּה נִגָּרַע לְבִלְתִּי הַקְרִב אֶת קָרְבַּן הוי"ה בְּמֹעֲדוֹ בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל?!" און דיקא ווייל זיי האבן נישט אויפגעגעבן האבן זיי זוכה געווען צו מוסיף זיין נאך א פרשה אין די תורה, און זיי האבן געקענט מקיים זיין די מצוה פון מקריב זיין דעם קרבן פסח. ר' נתן זאגט (ליקוטי הלכות ברכת הפרות, הלכה ה, אות טז) אז מען זעט פון דעם א מורא'דיגע זאך, אז ווען א מענטש שרייט צום אייבערשטן: "לָמָּה נִגָּרַע לְבִלְתִּי הַקְרִב אֶת קָרְבַּן הוי"ה?" פארוואס בין איך אנדערש, און איך קען נישט זיין קיין ערליכער איד? העלפט אים דער אייבערשטער און ער איז זוכה צו אלע מדריגות.

(עצתו אמונה פ' בהר תשע"ו)

גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן פְרֵיילִיךְ צוּ וֶוערְן; אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל דַארפְן אֵיין זַאךְ: 'חֲתוּנָה הָאבְּן'. דָאס וֶועט זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִיר בִּיז עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוָוארִין. אוּן וָואס מֶען הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וָואס בִּיסְטוּ קְרַאנְק הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט זָאגִין. הָאט מֶען גִיזָאגְט צוּ דֶעם וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט טָאמֶער וֶועסְטוּ קֶענֶען בַּיי אִים דֶער קְלֶערִין. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ וֵויים. וָוארִין דֶער וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט אִיז גִיוֶוען מִיט אִים דָארְט וִוי עֶר הָאט גִילֶערְנְט. הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט (כְּלוֹמַר דֶער בַּאדִינֶער הָאט גִיזָאגְט זֵיי פַאר וָואס עֶר אִיז קְרַאנְק).

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ דֶער מַאנְט אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין לַאנְג מְשַׁדֵּךְ גִיוֶוען מִיט דֶעם קֵיסָר. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִישְׁרִיבְּן צוּם קֵיסָר אַז עֶר זָאל זִיךְ רֶעכְטִין אוֹיף דֶער חַתוּנָה. וָוארִין דֶער שִׁידוּךְ אִיז דָאךְ שׁוֹין לַאנְג גִיוֶוען כַּנַ"ל. דֶער קֵיסָר הָאט אָבֶּער שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט דֶעם שִׁידוּךְ. לוּשְׁמִיר עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט אִים מֵעִיז זַיין. הָאט אִים דֶער קֵיסָר אָפּ גִישְׁרִיבְּן אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל שִׁיקְן זַיין זוּן צוּ אִים כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען פִירִין לֶענְדֶער וֶועט עֶר אִים גֶעבִּין זַיין טָאכְטֶער. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט דֶעם זוּן צוּ אִים הָאט אִים דֶער קֵיסָר אַנִידֶער גִיזֶעצְט אִין אֵיין חֵדֶר. אוּן הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין פַּאפִּירְן פוּן זַאכִין פוּן דֶער מְדִינָה כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען פִירִין דִי מְדִינָה.

דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט זִי צוּ זֶעהְן עֶר הָאט זִי אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט זֶעהְן. אַמָאל אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען לֶעבִּין אֵיין וַואנְט פוּן שְׁפִּיגְל הָאט עֶר זִי דֶער זֶעהְן אִיז עֶר גִיבְּלִיבְּן חֲלָשׁוּת. אִיז זִי גִיקוּמֶען צוּ אִים אוּן הָאט אִים דֶער מִינְטֶערְט. אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט אַז זִי ווִיל נִיט קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ מַחְמַת דָאס הִתְקַשְּׁרוּת וָואס זִי הָאט שׁוֹין מִיט אִים גִיהַאט. הָאט עֶר צוּ אִיר גִיזָאגְט. וָואס טוּט מֶען דַיין פָּאטֶער ווִיל אָבֶּער נִיט הָאט זִי גִיזָאגְט פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט הַאלְט זִיא זִיךְ נָאר אִין אִים.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַז עֶס קֶען נִישְׁט גֵיין דוּרְךְ דִי עֶלְטֶערְן, דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה אָן דִי עֶלְטֶערְן.

נָאךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי אֵיין עֵצָה גִיהַאלְטְן זֵיי וֶועלִין זִיךְ אַוֶועק לָאזִין אוֹיף דֶעם יַם. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִידוּנְגֶען אֵיין שִׁיף אוּן הָאבִּין זִיךְ אַוֶועק גִילָאזְט אוֹיף דֶעם יַם.

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי גִיוָואלְט צוּ קוּמֶען צוּ אַ בָּארְטִין זֶענֶען זֵיי גִיקוּמֶען צוּם בָּארְטְן אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ וַואלְד זֶענֶען זֵיי אַהִין גִיגַאנְגֶען. הָאט דִי בַּת קֵיסָר גִינוּמֶען דָאס פִינְגֶערִיל אוּן הָאט אִים גִיגֶעבִּין אוּן זִי הָאט זִיךְ גִילֵייגְט שְׁלָאפִין. נָאךְ דֶעם הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִיזֶעהְן אַז זִי וֶועט שׁוֹין וַוייטֶער אוֹיף שְׁטֵיין הָאט עֶר אַנִידֶער גִילֵייגְט דָאס פִינְגֶערִיל לֶעבִּין אִיר. דֶער נָאךְ זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער שִׁיף.

דֶער וַוייל הָאט זִי זִיךְ דֶער מַאנְט אַז זֵיי הָאבִּין פַאר גֶעסִין דָאס פִינְגֶערִיל דָארְט. הָאט זִי אִים גִישִׁיקְט נָאךְ דֶעם פִינְגֶערִיל. אִיז עֶר אַהִין גִיגַאנְגֶען, הָאט עֶר נִיט גִיקֶענְט גִיפִינֶען דָאס אָרְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער אוּן הָאט וַוייטֶער נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען דָאס פִינְגֶערִיל. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זוּכִין דָאס פִינְגֶערִיל פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנְדֶערִין בִּיז עֶר אִיז פַאר עֶרְט גִיוָוארִין. אוּן הָאט זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיקָאנְט אוּם קֶערִין אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אִים זוּכִין. אִיז זִי אוֹיךְ פַאר עֶרְט גִיוָוארִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיבְּלָאנְזֶעט אוּן הָאט אַלְץ וַוייטֶער גִיבְּלָאנְזֶעט. נָאךְ דֶעם הָאט עֶר דֶער זֶעהְן אֵיין וֶועג אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין יִשׁוּב אַרַיין אוּן עֶר הָאט נִיט גִיהַאט וָואס צוּ טוּן אִיז עֶר גִיוָוארִין אַ מְשָׁרֵת.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס אִיז מְרֻמָּז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן אִים, דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר אַ מְשָׁרֵת בַּיי אַ צְוֵוייטְן, עֶר אַרְבֶּעט פַאר יֶענֶעם, עֶר אִיז מְשֻׁעְבָּד פַאר יֶענֶעם. הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן, אוּן מֶען זָאל נָאר הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶעם בִּיזְנֶעס, וַוייל עֶס אִיז זִיכֶער יָא גוּט צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן, מֶען טָאר נִישְׁט וַוארְטְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוּן גֵיין בָּטֵל בִּיז מֶען עֶפְנְט אַן אֵייגֶענֶעם בִּיזְנֶעס; נָאר דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט פוּן דֶעם אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט פַארְלִירְט עֶר זִיךְ אוּן וֶוערְט

מַמָּשׁ אַ קְנֶעכְט פוּן זַיין בַּעַל הַבַּיִת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בִּין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס קְנֶעכְט, אוּן פַאר מַיין בַּעַל הַבַּיִת אַרְבֶּעט אִיךְ נָאר.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן מִיטְ'ן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, פַאר צְדָקָה; אַוַודַאי מֶעג מֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט צוּם לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט מֶעג נֶעמֶען פוּן צְדָקָה; אָבֶּער נִישְׁט גֵיין מִיט אַ קַטְנוּת אַז 'דֶער' מֶענְטְשׁ וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוּן 'דֶער' מֶענְטְשׁ וֶועט דִיר הֶעלְפְן, נָאר מֶען דַארְף וִויסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען קֶען זֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט, אֵיינֶער גֵייט מִיט אַ 'גַּדְלוּת הַמּוֹחִין' - עֶר וֵוייסְט אַז דִי גֶעלְט קוּמְט סֵיי וִוי נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט פוּנֶעם נוֹתֵן, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט אִים, וואוּנְטְשׁ עֶר יֶענֶעם אָן אַ בְּרָכָה, אוּן אַז נִישְׁט - גֵייט עֶר וַוייטֶער. אָבֶּער דֶער צְוֵוייטֶער גֵייט מִיט אַ 'קַטְנוּת הַמּוֹחִין' - עֶר לוֹיפְט נָאךְ מֶענְטְשְׁן, עֶר וֵויינְט צוּ מֶענְטְשְׁן; דָאס הֵייסְט אַ מְשָׁרֵת - אַ קְנֶעכְט, עֶר פַארְגֶעסְט אַז דִי גֶעלְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט הָאבְּן יֶעצְט פַארְלוֹירְן זֵייעֶר פַּרְנָסָה צוּלִיבּ קָארָאנֶע, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דַיין פַּרְנָסָה בִּיז הַיינְט, אוּן עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן שֵׁיין פַּרְנָסָה, אַז נִישְׁט דוּרְךְ יֶענֶעם, וֶועט עֶס זַיין דוּרְךְ אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז גֶעשֶׁעְן מִיטְ'ן בֶּן מֶלֶךְ עֶר הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ 'מְשָׁרֵת' פַאר אַ צְוֵוייטְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, נָאר אִיךְ טְרַאכְט אַז אֵיינֶער וֶועט זִיךְ קֶענֶען אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז מִן הַסְּתָם וֶועט מִיר דֶער טַאטֶע גֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע טִיפּ לְכָבוֹד חֲנוּכָּה אוּן לְכָבוֹד פּוּרִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַז דֶער גֵייט מִיר הֶעלְפְן, לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז לֹא דְבִּים וְלֹא יַעַר, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען פוּן יֶענֶעם, הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר וֶועט מִיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה אוּן נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט אִיךְ גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז נָאר דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר גֶעהָאלְפְן דוּרְךְ אַ צְוֵוייטְן אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער וֶועט מִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן - אוּן הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע טִיפּ, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט כַּמָּה פְּעָמִים וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ בּוֹטֵחַ גֶעוֶוען אִין אַ מֶענְטְשׁ בִּין אִיךְ נָאר גֶעוָוארְן פַארְשֶׁעמְט; וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה פַאר יֶעדֶעם, יֶעדֶעס מָאל דוּרְךְ אַ צְוֵוייטֶע וֶועג.

אוּן זִי אִיז אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיבְּלָאנְזֶעט. הָאט זִי זִיךְ מְיַשֵּׁב גִיוֶוען זִי וֶועט זִיךְ אַנִידֶער זֶעצִין בַּיי דֶעם יַם אִיז זִי גִיגַאנְגֶען צוּם בָּארְטְן פוּן דֶעם יַם. אוּן דָארְט אִיז גִיוֶוען בֵּיימֶער פוּן פֵּירוֹת. אִיז זִי דָארְט גִיזֶעסְן. אוּן בַּיי טָאג פְּלֶעגְט זִי אוּם גֵיין בַּאם יַם. טָאמֶער וֶועט זִי גִיפִינֶען עֶמִיצְן אוּן זִי הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גִעוֶוען פוּן דִי פֵּירוֹת. אוּן בַּאנַאכְט פְּלֶעגְט זִי אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אַ בּוֹים כְּדֵי זִי זָאל זַיין אָפּ גִיהִיט פוּן דִי חַיוֹת.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה נָאכְגֶעזָאגְט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ אִין נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אַ 'בּוֹים' מֵיינְט דָאס דֶער צַדִיק, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקוּנֵי זֹהַר, תִּיקוּן ו') אַז 'עֵץ דָא צַדִיק'; דָאס הֵייסְט אַז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע חַיוֹת אוּן שְׁרֶעק אִיז זִיךְ צוּצוּקְלֶעבְּן צוּם צַדִיק, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶערְפַאר אִיז זִי אַרוֹיף אוֹיף אַ בּוֹים - דֶעם צַדִיק, זִיךְ אָפְּצוּהִיטְן פוּן דִי חַיוֹת רָעוֹת.

דָא זֶעט מֶען דֶער חִילוּק פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט אַ צַדִיק אוּן אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט; בֵּיידֶע סֵיי דֶער בֶּן מֶלֶךְ אוּן סֵיי דִי בַּת קֵיסָר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צָרָה, אָבֶּער דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ מְשָׁרֵת - אַ קְנֶעכְט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַדִיק, אָבֶּער דִי בַּת קֵיסָר וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אִינֶעם צַדִיק, זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן רוּאִיג בַּיים יַם אוּן זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען.

מִיר הָאבְּן אַסַאךְ אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקְן דֶעם

אייבּערשטן; ערשטנס, אויף דעם אַז מיר זענען מקורב געוואָרן צום הייליגן רבּי'ן, צווייטנס, אַז מיר זענען געבּליבּן בּיים רבּי'ן, מיר זענען בּרוך השם נישט אַוועקגעגאַנגען פון רבּי'ן, דריטנס, אַז מיר האָבּן נאָך אַלס אַ געפיל אינעם רבּי'ן.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אַריין אין אַ שמועס פונעם רבּי'נס עצה פון התבודדות, און געזאָגט: דער רבּי האָט אונז טאַקע געלערנט צו בּעטן דעם אייבּערשטן אויף אַלעס וואָס מיר דאַרפן, דאָס הייסט "התבודדות", אַ אינגערמאַן וואָס דאַרף פּרנסה בּעט ער דעם אייבּערשטן "הייליגער בּאַשעפער, גיב מיר פּרנסה", איינער דאַרף געזונט, בּעט ער דעם אייבּערשטן "הייליגער בּאַשעפער, גיב מיר אַ רפואה", אַ בּחור דאַרף אַ שידוך בּעט ער דעם אייבּערשטן "הייליגער בּאַשעפער, גיב מיר אַ שידוך, איך וויל שוין חתונה האָבּן"; דאָך דאַרפן מיר געדענקען, מען דאַרף אויך דאַנקען דעם אייבּערשטן אויף די גוטס וואָס מיר פאַרמאָגן, דער אייבּערשטער געבּט דאָך אונז אַזויפיל גוטס.

בּיי יעדע מענטש אין מח איז אָפּגעמאַכט אַז מיר פעלט נאָך 'אַבּיסל', אויבּ וועל איך האָבּן נאָך דעם 'אַבּיסל' וועט מיר שוין גוט זיין, ווייל בּזה העולם גייט פאַר יעדעם אַריבּער עפּעס שוועריקייטן, למשל אַז דו פאַרדינסט שוין טויזנט דאָלער אַ וואָך - דאַרפסטו נאָך איין טויזנט, אויבּ מאַכסטו שוין צוויי טויזנט דאָלער, וואָלסטו דאָך שוין געדאַרפט צו זיין פריילעך, אָבּער ער איז נאָכנישט צופרידן ווייל אויבּ וואָלט ער געהאַט נאָך 'אַבּיסל' וואָלט גוט געווען, ווייל עס גייט אַראָפּ טעקסעס וכדו'... אַזוי איז עס מיט יעדעם, בּיי יעדן אין מח איז אָפּגעמאַכט אַז אים פעלט נאָך אַבּיסל, און דאָס איז די גורם פאַרוואָס מען איז נישט פריילעך, ווייל מען איז פאַרנומען צו טראַכטן פון דעם אַבּיסל וואָס מען האָט נישט, אין די צייט וואָס פון די אַנדערע זייט האָט יעדער איינער 'אַסאַך אַסאַך' גוטע זאַכן וואָס דער אייבּערשטער טוט יאָ מיט אים. דערפאַר דאַרף מען דאַנקען דעם אייבּערשטן אויף דאָס גוטס, און טראַכטן פון די גוטע זאַכן וואָס מען האָט, און זיך פרייען דערמיט.

די וואָך איז אַ איד וואָס וואוינט אין מיין בּנין אַהיים געקומען פון שפּיטאָל נאָכן זיין נעבּעך פאַרשלאָפט פאַר אַ שטיק צייט פון די קראַנקע מחלה לא עלינו, ווען מען פרעגט אים וואָס ער מאַכט? ענטפערט ער איין זאַך: "יודו לה' חסדו"; ער דאַנקט דעם אייבּערשטן אַז ער קען שוין ליגן אין אַ בּעט 'אינדערהיים', דאָ זעט מען אַז אַ מענטש דאַרף איין זאַך ער וויל זיין געזונט, אָבּער אַ צווייטער וואָס איז געזונט און שטאַרק זאָגט: "יעדער איז דאָך געזונט", ער טראַכט נישט פון די פילע חסדים וואָס דער אייבּערשטער טוט מיט אים, דו קענסט דאָך הערן, זען, שמעקן, גיין וכו'.

די וואָך איז די וואָך פון "הוד", וואָס מען פירט זיך (ליקוטי מהרי"ח, סדר ימי העומר) אַז מען זאָגט נישט קיין תחנון, ווייל עס איז 'תרעין פתוחין' (רעיא מהימנא בהעלותך, דף קנ"ב:); פאַרוואָס איז יעצט 'תרעין פתוחין'? ווייל אַז 'הוד - מען לויבּט דעם אייבּערשטן' - מען טראַכט אַריין אין די חסדים פונעם אייבּערשטן, ווערן אַלע טויערן אָפן, און עס איז אַ שמחה, דערפאַר זאָגט מען נישט קיין תחנון.

דערנאָך האָט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון 'שלום בּית'; און דער ראש ישיבה האָט געזאָגט אַז די נאַטור פון אַ מענטש איז, אַז בּיי זיך זעט מען נאָר די מעלות, זיך איז מען שטענדיג דן לזכות - מען פאַרענטפערט זיך, אָבּער בּיי יענעם זעט מען נאָר די שלעכטס. למשל, אַז דער מאַן גיסט עפּעס אויס אינדערהיים ווייסט ער גלייך אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, אָבּער ווען די ווייבּ טוט די זעלבּע זאַך איז ער מלא טענות אויף איר: "דו קענסט נישט אַכטונג געבּן?!", די זעלבּע איז ווען די ווייבּ בּעט אים ערלעדיג מיר דאָס, קויף מיר דאָס, טראָג דאָס אָפּ וכדומה, אַז ער פאַרגעסט, איז ער זיך גלייך דן "איך האָבּ פאַרגעסן, אַ מענטש מעג אַמאָל פאַרגעסן"... אָבּער ווען די ווייבּ פאַרגעסט צו טון דאָס וואָס ער האָט איר געבּעטן, איז ער מלא טענות "פאַרוואָס האָסטו נישט געטון דאָס?"...

אַז מען וועט פאָלגן דעם רבּי'ן וועט מען האָבּן אַ שיינע לעבּן.

(ספורי מעשיות מעשה ג' ממלך וקיסר - חלק א')

(פאַרגעלערנט שבּת קודש פ' אמור תש"פ לפ"ק)